№ 26 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem

ניינטער יאָהרגאַנג. פּרייז 20 גראָשען

CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַנאָנסען-פּרייז: פאר א מילימעטער שורה
פֿאָר'ן טעקסט 40 גראָשען נאָכ'ן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 80 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלט 8 אנאָנסען שפּאלטען.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פאראנטוואָרטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
א נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek dnia 27 czerwca 1930 — ליכט-צינדען 7.40 — פרייטאג, פ' קרח א' תמוז תר"צ

SPÓŁDZIELCZY BANK HANDLOWY w CZĘSTOCHOWIE

NOWY RYNEK 4

מאַכט בעקאַנט די ג' מיטגלידער, אַז פון 1 יוני איז נעעפענט געוואָרען

אַנ'אַבטיילונג פאר הלוואות געגען אייגענע וועקסלען מיט זשיראָ'ס.

די ווינונגען פון א ספּעציעלען צו דעם צוועק געשאפענעם קאָמיטעט קומען פאר רעגולער יעדען דאָנערשטאג. די פערוואַלטונג.

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי". מאָרגען שבת, דעם 28 יוני 9 אָוונט ווערט געשפּילט נאָר 1 מאָל דער גרעסטער אַמעריקאַנער שלאַגער

אויפֿן וועג קיין בוענאָס-איירעס

(דאס לעבען פון דער אונטערוועלט) אין 3 אַקטען פון רײַזעלמאַן.

1 בילד: ביים רויטען לאמטערן, 2: דאס לעבען פון דער אונטערוועלט. 3: דער האנדעל מיט לעבעדיגע סחורה. 4: די מאמע פערקויפט איהר טאכטער
5: אין נעץ פון ווינד. 6: די שרעקליכע שטראף. 7: די נקמה פון דער פרוי. 8: וועג צום ערליכען לעבען.
אייגענע דעקאראציעס, רעקוויזיטען, פערוקען, קאסטיומען, ליכט-עפעקטען
ארט. לייטונג ש. הערשקאָוויטש

גאַסטראָלען פון בעוואוסטען אנסאמבל פון לאָדזער
„פילהאַרמאָניע"-טעאטער
דיר.: א. בעזמאַן.

עס נעמען אנטייל לויט א"ב פרויען: בעזמאַן, דיל-מענבורג, לובּיראָווסקא, נערה. מענער: באלבירסקי, האמבורגער, הערשקאָוויטש, נאַהויז, ראַקאָוו א"א.

בילעטען—אין דרוק. פון ה' באָמשאַן, שבת—אין קאסע

צו דער חתונה פון מאג. ירמיהו גימלער מיט פרײַלין צפורה ליבּראָוויטש
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשט
אברהם דזיאַלאָשסקי און פרוי
וויצע פרעזעס פון האנדווערקער-פערבאנד אבט. טשענסטאָכאָוו.

א שותף

מיט 4000 דאָלאַר ווערט געזוכט
אָפערטען אין רעדאקציע פאר י.

די לעצטע עטליכע טעג
צו בילינע פרייזען
אין לאָקאַל
פון „קריסטאַל",
רוג אלעע און קאָשטשושקי

איינגאַנג 50 גראָשען.

מוזעאום
פון וואונדערליכקייטען
אנאטאָמיש פאטאָלאָגישע
וועלכעס ענטהאלט צווישען אנדערע עקספּאָנאטען
לעבעדיגע נאטור-קאַפּריזען
איינטריט אין אלע אַבטיילונגען 50 גר. אָפען פון 11 פריה ביז 10 אָוונט.

די סוחרים פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד, זאָלען וויסען, אז דאס מאַנופאַקטור געשעפט פון די בעוואוסטע פירמע

יוסף קרויזע

וואס האט זיך ביז איצט געפונען אויף אַגראַדאָווע 13 ווערט פון 1 יולי ד. י. אַן
איבערגעטראָגען אויפן נייען מארק 1.
דאס געשעפט איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי מאַנופאַקטור סחורות.
מײַנע געעהרטע קונדען ווערען געבעטען זעהר העפליך מיך ווײַטער צו בעזוכען ווי זיי וועלען בעהאנדעלט ווערען רעעל און געוויסענהאַפט.
געדענקט די אדרעס:
יוסף קרויזע, נייער מארק 1.

SKŁAD FUTER Maurycy Kornberg
w Częstochowie, Aleja 6. Tel. 259.

Poleca w wielkim wyborze na sezon wiosenny
SKÓRKI i KONFEKCJĘ GOTOWĄ.
Przyjmuje się futra NA LETNIE PRZECHOWANIE, oraz wszelkie PRZERÓBKI WCHODZĄCE w zakres KUŚNIERSTWA, PO CENACH ZNIŻONYCH.

הננו משתתפים בצערו של ידידינו מר יעקב לעווים במות עליו אביו ר'
חיים יהודה נ"ע
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
משה אהרן לעווקאָוויטש ורעיתו.

הננו מביעים את השתתפותנו החמה לחברנו יוסף גליקסמן במות עליו אחיו
דוב נ"ע
המחנך ותלמידי המחלקה החמישית של הגמנזיה היהודית.

דעם טיעפּסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאַמיליע גליקסמאַן, ווי אויך אונזער פרײַנד וואָלף צוליעב'ן טויט פון זײַער זוהן און ברודער
בער נ"ע
זײַט געטרייסט!
ח. נעווע-צמאַן, מ. פינקעלשטיין, נעברידער ענגעל, י. הערשקאָוויטש, מ. לאקס, א. דאנציגער

דעם טיעפּסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פרל. שעווקע גליקסמאַן צוליעב'ן טויט פון איהר
ברודער'ל
ארבייטער פון פאבריק הערשקאָוויטש און שותפים ענטעלים, ראָזענבערג, ראָזענצווייג, גליקסמאַן, דזיאַלאָשסקי.

די פערוואַלטונג פון „בית לחם" דריקט דערמיט אויס איהר טיעפּסטען מיטגעפיהל דעם חשוב'ן מיטגליד ה' אברהם גליקסמאן און פאַמיליע צוליעב דעם טויט פון זײַער ליעב קינד
דוב בער נ"ע
ימחה ד' דמעה מעל פניהם לנצח וישלח נחומים לנפשם המר בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דעם טיעפּסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואַלטונגס-מיטגלידערין פרוי מאַניאַ גליקסמאַן און פאַמיליע צום פריהצייטיגען טויט פון זייער ליעבען זוהן
בעריל נ"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג פון פרויען פעראיין „עזרה".

א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען מיר דעם יונגען פאר צפורה ליבּראָוויטש מיט ה' ירמיהו גימלער צו זייער חתונה. די עלטערן ווינשען מיר צו האבען פיעל נחת.
פאַמיליע פּיליכאָווסקי.

צו דער חתונה פון מײַן ברודערן-זוהן און אונזער קוזין ירמיהו גימלער מיט פרל. צפורה ליבּראָוויטש ווינשען מזל-טוב.
יוסל טרוענבינער און קינדער
שמעון באָמשאַן און פרוי.

מעלדונג.

צו אלע האנדווערקער פון מעטאל, ד. ה. שלאָסער, שמידער, יובּילערס, גראַווירער, קאַטלאַרזשעס, זיינגערמאַכער, מעשען-גיסער, גאָלד-שמידער ווערען אויפגעפאָדערט און אײַגענעם אינטערעס צו קומען זיך רעגיסטרירען אין לאָקאַל פון האנדווערקער-פערבאנד אלעע 40 אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערעפנונג פון צעך.

רעגיסטרירען קאָן מען זיך יעדען טאג פון זונטאג ד. 29 ד. ח. ביז'ן 10 ליפּיעץ אײַנשליסליך פון 8.30 ביז 10.30 אָוונט.
די אָרגאַניזיר-קאָמיסיע.

בעריכטיגונג.

איך שטעל פעסט אז די קלאנגען וואס מײַן זוהן האט אין זײַנער צײַט ארויסגעלאָזט אז דער ה' דרעקסלער האט געזאָלט בײַ מיר צונעמען א פאר שטיק סחורה כלומרשט צו ווײַזען זײַנע סוחרים און איז דערמיט ענטלאָפען איז שקר וכזב.

דער ה' דרעקסלער האט באמת בײַ מיר נעקויפט סחורה, ער האט אבער אלץ געדעקט אזוי אז איך האב צו איהם קיין שום פּרעטענסיע נישט.

עס איז נאָר צום בעדויערען וואס מײַן אייגענער זוהן האט אַן מײַן וויסען און צוליעב א מיספערשטענדניש פערשפּרייט די אויבענדערמאָנטע פאלשע קלאנגען.

מיט אַכטונג: מ. קאָרנבּראָט.

מיר דריקען אויס דעם טיעפּסטען מיטגעפיהל דער פאַמיליע גליקסמאַן צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער זוהן
בער.
פירמע:
„הערשקאָוויטש עט קאָמפּ".

Szanownej naszej koleżance
p. **Eliszewie Gliksmanównie**
z powodu przedwczesnego zgonu Jej braciszka
BERA
składa wyrazy szczerego współczucia
PERSONEL
firmy Fabryka Okuć Budowlanych Herowicz i S-ka.

Współpracowniczce p. RÓZI
z powodu przedwczesnego zgonu ukochanego braciszka
b. p. BERUSIA GLIKSMANA
wyrazy głębokiego współczucia składa
Personel Spółdz. Banku Handlowego w Częstochowie.

Wyrazy głębokiego współczucia RODZINIE GLIKSMAN oraz koleżance naszej RÓZI z powodu przedwczesnego zgonu ukochanego
SYNA i BRATA
składają TABA, POLA i RÓŻKA.

מיט גרויס צער זענען מיר מודיע, אז זונטאג דעם 22 ד. ח. (כ"ו סיון תר"ץ) אין באָדען, בײַ וויען, איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען אונזער אונפערגעסליכע פרוי, מוטער און גרויסמוטער
מינדל קליימאן נ"ע
געבוירען שטייער
אשת ר' משה נ"י
אין עלטער פון 70 יאהר.
די פערצווייפעלטע אין טרויער מאַן, זיהן, טעכטער, שנירען, איידעמ'ס און אייניקלעך
וועגען טאג פון דער לויה וועט בעזונדער געמעלדען ווערען.

די פעראייניגונג.

בשעת דאָס הארץ מתוס העת אויף דער צושפּליטערונג און דעם שרעקליכען פּירוד האָט הערשט צווישען אונז, וואָר בנוגע די חילפּינססטע לעבענס-פראגען וועלכע ועגען דער פונדאמענט פון אונזער צוקונפט און עקזיסטענץ, איז אונז אָנגעקומען די ידיעה פון ארץ-ישראל אז עס איז געשאפען געוואָרען א פעראייניגונג פון אלע דערמוגע יודישע ריכטונגען, וועלכע שטעלען צונויף א געמיינזאמע קאָמיסיע צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאָלק אויף דער כותל מערבי.

צו דער דאָזיגער פעראייניגונג, הערט איבערגעבען, איז צוגעטרעטען אויך די „אגודת ישראל", און די שטענדיגע גענגער, די רבנים קוק און זאָנענפעלד, וועלכע בילדען די צוויי שפּאלטען פון דעם ארץ-ישראל'דיגען יודענטום, האָבען זיך פעראייניגט, און בײדע זענען זיי אריין אין דער געמיינזאמער כותל-מערבי קאָמיסיע.

עס איז שוין ניט קיין ספק א ערפרעהענדע ערשיינונג, אז מען האָט פארט בײ זיך געפיהלט אין אונז מענטשען, און מוז צייט מען עס האנדעלט זיך וועגען דעם הייליגען היסטארישען אנדענק פון יודישען פאָלק וועלכען אונזערע שונאים, די האָבען פאלען אויף אונז ווי רוצחים, ווילען אויך דאָס פון אונז אוועקנעמען,—אז איצט האָט מען פערציכטעט אויף די שטענדיגע פארטיי-סכסוכים, אויף די קליינליכע אמביציעס, און מען נעהמט געמיינזאם און א פעראיינעגונגס-קאַמף, אבער דערבײ רײַסט זיך ארויס פון הארצן די אָנגעיעטענע און ביטערע פראַגע: צי קען דען מאַכען דאָס יודישע פאָלק פעראייניגטע בנוגע ארץ-ישראל, בנוגע דעם אויפבוי פון אונזער ארץ-אבות, נישט זיין פעראייניגט אין אלע פּרטים?

מיר מײַנען דאָך חילוק עס זענען שוין פארגעקומען אונטערהאנדלונגען וועגען דעם אז די „אגודת ישראל" זאָל אנטיילנעמען צוזאַמען מיט'ן יודישען פאָלק אין בנין הארץ. לעצטענס האָט עס איז געשאפען געוואָרען די פערברייטערטע יודישע אגענץ און זענען בענעט געוואָרען די אונטערהאנדלונגען, אז די אגודה זאָל אויך אריינטרעטען אין דער אגענץ, און דאָס אלץ האָט צו קיין רעזולטאַט נישט געבראַכט.

מיר ווילען איצט נישט אורטיילען אויף וועמען עס פאלט די שולד פון דעם נישט צושטאנד געקומענער פעראייניגונג, אבער מיר מײַנען דאָך און זענען זיכער אז בײ אביסעל מעהר גוטען ווילען און אחדות געפיהל פאר דער גרויסער און וויכטיגער זאַך וואָלט מען געקענט בעזײַטיגען די חינדערנישען און קומען צו דער געהעריגער פערשטענדיגונג.

און קיינער וועט דאך נישט אָבלײַקענען אז די דאָזיגע צושפּליטערונג האָט הערשט צווישען אונז איז נישט בלויז זי שאַדט אונזער כבוד און פּרעסטיזש פלפן חוץ, נאָר זי ברענגט אויך א גרויסען שאָדען אונזער אלגעמיינער זאַך, דעם אויפבוי פון אונזער נאציאָנאלער היים אין א"י.

דערום ווי עס זאָל נישט זיין, ווי גרויס עס איז די בעגײַסטערונג פאר א"י צווישען יודישען פאָלק, מאכט דאָס פארט דעם איינדרוק בײַ דער ענגלישער רעגירונג, אז נישט בלויז די לינקע יודישע סאָציאַליסטען, ווי דער „בונד" און אנדערע, ווילען שטערען דעם ישוב אין א"י, נאָר וואָס די אָרטאָדאָקסיע, די רעליגיעזע יודען ווילען אויך נישט קיין היים אין א"י, אבער זיי ווילען דאָס אויף אן אנדערער וועג ווי די ציוניסטען.

אזוי איז דאָס אויך מיט די לעצטען'ס און פאר יודישע ישובים פערגעקומענע פּראָטעסטען געגען דער עליה-גזירה, פון וועלכע די אגודה האָט נישט גענומען נעמען קיין אנטייל, מאכט דאָס נישט דעם איינדרוק אז זי איז איינשטימיג מיט לארד פּאַספילד און זיין גזירה? מיר מיינען מעקי! אז ס'איז נישט אזוי, אז דאָס נישט אנטיילנעמען אין די פּראָטעסטען איז סתם צוליב פּאָליטישע טעמים אבער אויסערהאלב מאַכט דאָס א זעהר שלעכטען און שעדליכען איינדרוק.

און עס הילט זיך מאַכן פראַגען צי איז די אלגעמיינע פראגע פון בנין הארץ און שיבת ציון נישט אזוי וויכטיג ווי די כותל-מערבי פראגע? און אויב בײַ דער לעצטער פראגע איז געלונגען זיך צו פערשטענדיגען און צו געהן צוזאמען פארוואס זאָל מען דאָס נישט פערוירכפיהרען בײַ דער אלגעמיינער ארץ-ישראל ארבײַט, בײַ דער טעמונקייט האָט דאַרף אָנגעזאַגט ווערען צו פערווירקליכען דעם אויפבוי פון אונזער לאַנד, צו וועלכען עס שטרעבט דאָך פארט דאָס גאנצע יודישע פאָלק?

י. פ.

פון דער וואָך.

האָט הערט זיך הענגען ארץ-ישראל?

פון לאָנדאָן איז מען מודיע אז אין דן לעצטע טעג האָט זיך אנגעהויבען מערקען א פערבעסערטע שטימונג בנוגע ארץ-ישראל — און ס'איז פערהאַנגען א גרונד צו האָפען אויף בעסערע אויפטוכטען, דאָס זאָל זיין א רעזולטאַט פון א ענערגישער אויסטרעטונג פאר אַבגאַלוטפע פּערזענליכקייטען, אויך זאָל האָבען געווירקט די גרויסע פּראָטעסט-אקציע פון גאנצען יודענטום.

עס הערט אויך מיטגעטיילט אז אויף א אָנפראגע פון קאָלאָניאל-מיניסטעריום אין לאָנדאָן, האָט פּאַספילד געענטפערט אז ער איז נישט געגען דעם אָבשאפען פון דעם אימיגראציע-פערבאָט, ער ווינשט זיך אבער נישט אז דאָס זאָל געשעהן בעת זיין אויספאָרשונג, כדי די אראבער זאָלען נישט זאגען אז צוליב איהם איז דן גזירה אבגעשאפט געוואָרען.

לויט א ידיעה פון גענף זאָל דער פעלקער-בונד פערעפענטליכען זיין בעריכט וועגען ארץ-ישראל נאָכדעם ווי ער וועט פערגעשטעלט ווערען דער ענגלישער רעגירונג וועלכע וועט צוגעבען אנהער בעמערקונגען, אזוי אום וועט דער בעריכט פערעפענטליכט ווערען אין סעפטעמבער, צוזאַמען מיט דעם בעריכט פון דער כותל-מערבי קאָמיסיע.

וועלט-פּאָליטישער פּלאַנעטער אָדער צייטונגס-סענסאַציע?

לעצטענס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווײַזען פערפּלאָנטערטע ידיעות וועלכע זענען געטראָגען געגען דעם וועלט-שלום, אזוי רעדט מען ערנסט וועגען דן קלײנע אונצופרידענע, וואָס זענען לעצטענס פארגעקומען צווישען דן פּוילישע און דײַטשע גרענעץ-וואַך, פון וועלכען מען וויל מאַכען א פּלאַנטע פּאָליטישע געשיכטע. אין פראַנקרײַך שטוסט מען זאָל הערשען א שטאַרקע בעאונרוהיגונג צוליב דער קאָנצענטראציע פון רײַן געביעט אין וועלכען מען זעהט א געפאַהר פאר'ן וועלט-שלום, — דאַן האָט זיך ווידער בעוויזען א אינספּירירטע ידיעה וועגען א אָנפאַל פון פוילען מיט די אוקראַינער, כדי צו פיהרען א קריג מיט סאָוועט-רוסלאַנד, די פּוילישע רעגירונג האָט אָבער די דאָזיגע ידיעה קאַטעגאָריש אָבגעלייקענט, און ערקלערט אז דאָס איז פּאָלשטענדיג פאַלש, ווי האָט נישט געשלאָסען קיין שום אָבמאַך און קלערט נישט וועגען קיין מלחמה, וואָס איז עלול צו רואינירען בײַדע לענדער.

פּײַערליכע ערעפענונג פון „ישיבת חכמי לובלין".

הײַנטיגען דאָנערשטאָג און מיטוואָך איז ערנליך אין לובלין פאָרגעקומען די לאַנג-ערוואַרטעטע חנוכת הבית-פּײַערונג פון דעם נײַעם בנין פאר דער דאָרטיגער ישיבה א. נ. „ישיבת חכמי לובלין", צו וועלכע עס זענען געקומען די גרעסטע רבנים און רבנים פון פּוילען, דעלעגאַציעס פון דן גרעסטע יודישע קהלות און געזעלשאַפטען, אויך פערטרעטער פון דער רעגירונג. צוזאַמען האָבען זיך אין דער פּײַערונג בעטײליגט לערך 10 טויזענט מאַן, אויך צאהלרײַכע פארשטעהער פון דער אויסלענדישער און אויפלענדישער פּרעסע.

דן לובלינער גאסען זענען געווען דעקאָרירט, און פילע ערטער האָבען געהאנגען פערשידענע אויפשריפטען פאסיגע צו דער פייערונג, אויפ'ן ישיבה-בנין האָט געפלאַטערט דן פּויליש-נאַציאָנאַלע פאָהן און א ישיבה-פאָהן הײַם - שאַרץ געשטיקט און גאָלד-בלוי.

דן פייערונג הערט געעפענט מיט'ן זינגען: מזמור שיר חנוכת, און שפּילען דעם פּוילישען הימן. דן ערעפנונגס-רעדע האָלט דער גרינדער פון דער ישיבה, פּיעטרקאווער רב ר' מאיר שפּירא, דאַן הרב לעווין פון רײַשא, עס בעגריסט אויך דער לובלינער וואָיעוואָדע ה' רעמבאָשעווסקי, וועלכער דערמאָנט די אמאָליגע יודישע העלדען האָט האָבען געקעמפּט פאר פּוילענס בעפרײַאונג, עס רעדט אויך דער לובלינער רעגירונגס-קאָמיסאַר, דאַן בעגריסען דער גערער רבי און דער אָסטראָווצער רבי, דען דער פּרעזעס פון וועלטליכען „אגודת ישראל" ד"ר קאַהן, און נאָמען פון צענטראלען סוחרים-פאַראיין בעגריסט ה' הורשלוצקי, און עס הערט געלעזען א בעגריססונג פון אויסערן-מיניסטער ה' זאַלעסקי.

די פּײַערונג איז געווען זעהר אימפּאָזאַנט, און געמאַכט א געוואַלדיגען אײַנדרוק.

אי האַלט עס הענגען נײַע סיים = וואַהלען?

די צווײַ-גרופּענע זיצונגען פון סיים ווי פון סענאט זענען ווי בעוואוסט חודשער אָבגעלעגט געוואָרען, דאָס איז שוין, ווי עס הערט פעסטגעשטעלט, א געוואונענער בעצוג צו און דן רעגירונגס-קרײַזען איז מען פעסט בעשלאָסען אויפצולעזען דעם סיים, עס איז נאָר א פראַגע צי מען הערט באַלד בעשטימען נײַע סיים-וואַהלען אָדער מען וועט זיך בענוצען מיט'ן געזעץ און פיהרען די רעגירונג א געוויסע צייט אָהן סיים, ידענפאַלס וועט דן זאַך אין דן נאָר נעהנטסטע טעג אויפגעקלערט ווערען.

דער צענטראַלוועג, וועלכער איז ווי בעוואוסט געגען דער איצטיגער רעגירונג, רופט אויף זונטאַג א גרויסע פערזאַמלונג קיין קראָקא, וועלכע זאָל פּראָטעסטירען דעם כאַראַקטער פון א דיקטאַטוראַציע געגען דעם איצטיגען רעגירונגס-סיסטעם. א געוויסע סענסאַציע האָט ארויסגערופען דאָס האָט דער נײַע פינאַנץ-מיניסטער מאַטשכעוויטש איז אין א געשפּרעך מיט א צייטונגס - מיטאַרבײַטער זעהר שאַרף ארויסגעטרעטען געגען דער איצטיגער רעגירונג און דעם רעגירונגס-רעזשים, זײַן ארויסטריט האָט ארויסגערופען א סענסאַציע און די פּאָליטישע קרײַזען.

[26] אונטער פרעמדע מאסקעס.

העכסט-אינטערעסאַנטער שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען אין דער צייט פון גירוש שפּאַניען.

יודיש דורך י. נעלזאָהן

(פאָרזעצונג)

מיגועל האָט זיך פערטיידיגט פאר קלאַרא'ן, דערצעהלענדיג איהר וועגען דער קרענק און דעם טויט פון זיין גרויסען לעהרער. פון וועלכען ער האָט זיך נישט געקענט שיידען אין דער געפעהרליכער לאַגע וואָס ער, זיין לעהרער, האָט זיך געפונען, און ווי נאָר ער האָט געקענט איז ער צו איהר געקומען.

קלאַרא האָט זיך בערוהיגט, און מיטפיהלענדיג מיגועל'ן איבער זיין גרויסען פערלוסט האָט זי איהם מיט דער גרעסטער ליבשאַפט אויסגעפרעגט וועגען זיין לאַנגער רייזע, ווי עס איז איהם דערגאַנגען די גאַנצע צייט האָט ער איז געווען אין קאָרדאָוואַ. ער האָט איהר געזאָגט אלעס נאָכ'ן איבערגעבען, זעלבסטפערשטענדליך אז דאָס חכמינסטע פון זיינע איבערלעגונגען, וועגען זיין יודישער אָבשטאַמונג און וועגען עמיליען האָט ער מעהר קיין וואָרט נישט דערצעהלט, ער האָט דאָס געוואָלט לאָזען אויף שפּעטער נישט באַלד אין ערשטען מאָמענט.

און איהר אנגעזוענהייט איז מיגועל א אנדערער מענש געוואָרען. זיין אלטע ליעבע האָט זיך און איהם דערוועקט מיט'ן גאַנצען פייער וועלכעס האָט פערגרענט זיינע געפיהלען מיט וועלכע די געשעהענישען אין קאָרדאָוואַ האָבען איהם אָנגעפילט, ער האָט פערגעסען עמיליען, עס האָט איהם נישט אינטערעסירט זיין אומגליקליך פאָלק, אלע זיינע געדאַנקען, זיינע גאַנצע חושים זענען געווען פערנומען מיט דער שעהנער און ליעבער קלאַרא.

אָה, ווי אזוי האָט מיר געקענט זאָגאָר איין מינוט קומען אויפ'ן געדאַנק זיך צו שיידען מיט קלאַרא'ן? — האָט ער בײַ זיך געטראַכט — קען איך דען זיך שיידען מיט מיין לעבען, מיט מיין נשמה? זיין פאַטערלאַנד, שפּאַניען, האָט אין זיינע אויגען צוריקבעקומען איהר אַמאָליגען פּראַכט און גלאַנץ און מיט אלע כוחות האָט ער זיך בעמיהט צו פערבלייבען רוהיג.

אבער באַלד האָט זיך פאר איהם געשטעלט דאָס בילד פון עמיליען, פון דער אומגליקליכער לײַדענדער שעהנהייט, ד' חעלדרון פון זיין פאָלק, וועלכע פערקערפּערט אין זיך דעם גרויסמוט, די אָפּפערווילליגקייט און גרויסקייט פון יודישען פאָלק. ער האָט זיך דערמאָנט איהרע שטרענגע ווערטער, וועלכע האָבען ווי מיט פייער אויסגעקריצט געשריבען פאר זיינע אויגען.

ער איז זעהר טרויריג געוואָרען, און זיך אומבאַמערקט אָבגערוקט פון קלאַרא'ן.

זאָל איך איהר דערצעהלען? זאָל איך איהר איבערגעבען אלעס וואָס איך האָב ערפאַהרען אין קאָרדאָוואַ? און וואָס וועט קלאַרא זאָגען צו דעם, וואָס וועט זי טראַכטען וועגען מיר דערהויפּטזעכליך אז איך בין א יוד?

אבער דאָ איז געקומען קלאַרא און איהם געפרעגט:

וואָס בנוגע אזוי טרויריג מײַן ליעבער? זינט דו ביזט געקומען פון קאָרדאָוואַ, ביזטו עפּיס א אנדערער מענש געוואָרען, וואָס קומערט דיך, וועסטו פאר מיר, פאר דײַן געליעבטע וועלכע סודות — האָט זי צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

פערוואָס פערשטעהסטו נישט, מײַן טײַערע—האָט מיגועל געענטפערט—די הײַמט פון שטענדיג ווי מיך אינטערעסירט די לאַגע פון די יודען אין אונזער לאַנד, און עס איז גרויס א געפאַהר אז אלע וועלען מוזען דאָס לאַנד פערלאָזען, טויזענדער רוהיגע בירגער וועלען ווי די הונד ווערען ארויסגעטריבען פון זייער פאַטערלאַנד און דאָס הארץ הערט מיר צושנײַדען...

דאָס איז וואונדערליך זעהר טרויריג—האָט קלאַרא געענטפערט—אבער וואָס קענען מיר דערצו העלפען, מעגליך הערט דער קעניג פּלוצלינג זיך מישב זיין און צוריקציהען דן שרעקליכע גזירה ווייל די גרעסטע מענער פון לאַנד ווילען געגען דעם, וואָס דער קאַטאָלישער קריסט איז צוליעב דעם שטאַרק אויפגעבראַכט.

וירקליך? — האָט מיגועל געפּרעגט און זיינע אויגען האָבען אויפגעבליצט.

יאָ, אזוי איז דאָס, די אויפרעגונג צווישען די בעסטע מענער פון לאַנד איז זעהר גרויס, אבער די אינקוויזיטאָרען האָבען די איבערמאַכט און זיי רעכענען זיך מיט קיינעם נישט — האָט קלאַרא ווייטער געזאָגט.

עטליכע וואָכען זענען אוועק זינט דעם טאָג האָט מיגועל האָט זיך צוגעקעהרט קיין מאַלאַגאַ, דער טערמין וועגען די יודען זאָלען ארויסגעטריבען ווערען פון לאַנד האָט זיך דערנעהנטערט, מיגועל האָט יעדעס מאָל בײַ זיך בעשלאָסען, אז הײַנט מוז ער קלאַרא'ן ענטדעקען זיין געהיימניס, ער האָט שוין לענגער נישט געקאָנט, אבער קומענדיג צו קלאַרא'ן האָט ער נישט געפונען קיין מוטה איהר אלץ צו זאָגען און אזוי האָט ער דאָס אָבגעלייגט פון טאָג אויף טאָג.

פּלוצים איז מיגועל געוואָרען געצווינגען זיך צו שטעלען אין דער שפּיץ פון זיין מיליטערישען רעגימענט וועלכער מוז שטעק קעמפען געגען די אויפשטענדיגע אראַבער אין גראַנאַדאַ.

דאָס האָט איהם זעהר געקימערט.

און וועלכע אונרוהיגע צייטען, און דער צייט וועט ער איז געווען איינערליך אזוי שטאַרק ערשיטערט און צונאָנדערגעבראָכען, האָט ער פעסטגעזעצט נישט געקענען געהן און קאַמף שטעלען זיך אין דער שפּיץ פון קעמפענדען מיליטער.

אבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפען, דער בעפעהל איז ארויסגעגעבען געוואָרען, און צום טערמין האָט ער געמוזט זיין גרייט.

ער האָט איינגעזעהן אז דער אונזיכערער מאָמענט ווען ער געהט אוועק און קריג, און זיין לעבען הערט געשטעלט אין געפאַהר, איז דער פּאַסענדער מאָמענט אז ער זאָל פאר קלאַרא'ן ענטדעקען זיין געהיימניס, איך קען נישט אוועק אין קריג — האָט ער געטראַכט — אזוי לאַנג אז מײַן געוויסען איז נישט ריין, בעזונדער קען טאָמער זיין אז דער קריג זאָל זיך פערציהען לאַנג און אינצווישען וועט מען די יודען ארויסטרײַבען פון לאַנד אָבדער ער וועט זיך אומקעהרען...

מיט דעם בעשלוס איז ער אוועק צו קלאַרא'ן זיך מיט איהר געזעגענען.

ווען קלאַרא האָט געהערט וועגען זיין אָבפאָהרען אין קריג איז זי זעהר דערשראָקען געוואָרען.

אנדער לאָזט מיך אליין — האָט זי אויסגערופען ווײַנענדיג.

אזוי איז דאָס מיין ליעבע, דאָס פאַטערלאַנד שטעהט שטענדיג איבער'ן ערשטען פּלאַץ—האָט מיגועל געענטפערט—און פאר איהר מוז מען שטענדיג זיין גרייט.

ער האָט זיך מיט איהר געזעגענט, נישט ענטדעקענדיג זיין געהיימניס.

(פאָרטז. קומט).

די געפאהר פון דעם געפלאנטע קאלענדאר-רעפארם פאר'ן אלוועלטליכען יודענטום.

אינטערוויאו מיט אויבער-ראבינער דר. מ. לעווענשטיין, ציריך (גענעראל-סעקרעטאר פון אלוועלטליכען יודישען קאמיטעט בנוגע דעם קאלענדאר-רעפארם ביים פעלקער-בונד.)

פון ש. ש. פראהמאן, ציריך.

(סוף.)

די פראגע פון קאלענדאר - רעפארם שטעלט זיך נאך העכסט מטהרשיינליך פיעל יאהרען געשלעפט, דען טראץ דעם וואס דער פעלקער - בונד האט בשלה פארגעשלאגען די בעזונדערע רעגירונגען צו גרינדען יעדער ביי זיך און לאנד א שטודיום-קאמיסיע, וועלכער זאל גענוי ערורפשטודירען און האבען די פריעגמנטציע וועגען די אינטערעסען און שיכטען פון דער בעפעלקערונג לגבי דער פראגע — האט אבער דאך אין אלגעמיין די גאנצע ענגלעגענהייט נישט ארויסגערופען קיין בעזונדערען אינטערעס. די סיטואציע ענדערט זיך אבער פלוצים דערמיט, ווען בערך פאר 2 יאהר צוריק האט אנגעהויבען אנצוועהמען די אגיטאציע אין אמעריקא פאר דעם קאלענדאר-רעפארם מיט דעם אזוי-גערופענעם „בלאנקא-טאג" א אנדער געשטאלט און מיט דעם גרעסטען טעמפא איז דער געדאנק פון בלאנקא-טאג פראפאגאנדירט געווארען אין פיעל איינפלוסרייכע אמעריקאנישע צייטונגען. ווען מיר זענען נאך דעריבער אינפארמירט געווארען, האבען מיר (די דערמאהנטע פון פעלקער-בונד גענאנטע 5 פארשטעהער פון יודענטום לגבי דן פראגע) זיך קאנסטיטואירט אלס שטענדיגער קאמיטעט, וועלכער פראבירט אויך געמיינזאם מיט'ן אמעריקאניש-יודישען קאמיטעט, געגרינדעט פון הרב דר. היימאן, צו פארטרעטען די אינטערעסען פון די שומרי שבת, אלס קאנסעקווענצען פון דעם האנדערענדען 7-טען טאג אין דער וואך.

— צו איז דעם ה' דר. בעקאנט די שטעלונג פון די פארשטעהער פון די אנדערע רעליגיעס צום קאלענדאר-רעפארם און וואס דענקען וועגען דעם די איינפלוסרייכע פלוגה - טענער פון אמעריקא?

— פאלשע נביאים זענען עס דן יעניגע, וועלכע זעהען פאראויס, דאס מיר יודען דארפען זיך נישט פערפארדינען פאר די פאלגען פון קאלענדאר-רעפארם, ווייל דער פאבסט וועט נישט געבען זיין צושטימונג אויף דעם קאלענדאר - רעפארם, ווייל אויך דער קריסטליכער „זונטאג" וועט דורך דעם פראגעגדעם יעדעס יאהר אין אנ'-אנדערען טאג פון דער וואך. עס איז א פאקט-זאך דאס ביז - יעצט האבען שוין פיעל קריסטליכע פארשטעהער געגעבען זייער הסכמה אויף דעם קאלענדאר-רעפארם. דער פאבסט ווילבסט האט, אפשר, טיילוויזע, נאך ביז-יעצט נישט אויסגערעדט זיין בעגריסטעדונג דעם פראיעקט וועגען קאלענדאר-רעפארם בצרוף דעם „בלאנקא-טאג". פאלשע נביאים זענען עס אויך די יעניגע, וועלכע זעהען פאראויס, דאס מיר יודען דארפען זיך נישט פערטפרינגען, ווייל אמעריקא דענקט גארנישט איינצופיהרען דעם בלאנקא-טאג. ערשט מיט א קורצע צייט צוריק איז דאס איינפלוסרייכע „האמבורגער פרעמדענבלאט" ארויסגעטרעטען מיט דער פאדערונג, אז דייטשלאנד זאל נישט ווארטען, נאר זי זאל זיין די ערשטע, וועלכע זאל איינפיהרען דעם ענדגילטיגען רעפארמירטען קאלענדאר און דאן—איז די דערמאהנטע צייטונג זיכער—וועלען שוין די אנדערע מדינות דעם בייששפיעל נאכטהון.

— און וואס גלויבט איהר וועלען זיין די מיטלען מיט וועלכע מיר יודען דארפען זיך וועהרען געגען דעם פראיעקטירטען קאלענדאר-רעפארם מיט דעם „בלאנקא-טאג".

— ביים אנפאנג פון קומענדען יאהר וועט די ספעציעלע פעלקער-בונד-קאמיסיע רופען א בעראטונג פון אלע שטודיום - קאמיטעטען מצד די בעזונדערע רעגירונגען, אויף וועלכע מיר (דער יודישער קאמיטעט) וועלען ספעציעל איינגעלאדען. עס איז נישט זיכער אויב אין קומענדען יאהר וועט שוין ענטשיידען ווערען דאס קאלענדאר-רעפארם-פראבלעם, אבער אויף די ענדגילטיגע ענטשיידונג ארום דער פראגע וועלען האבען אנ'איינפלוס נור די בעריכטען פון די בעטייליגטע אין די בעראטונגען. מיר מוזען דעריבער פאראויס אנווענדען אונזער לעצטע טאטען בפרי אבצושלאגען אלע טאט-קען און גלייכצייטיג אלע מיטלען און ממשלהדיגע חיזוקות מצד די קאלענדאר-רעפארם-מבטלען. אונזער לעצטער כלי-זיין בעשטעהט אין דעם דאס יעדער צווישען אונז, יעדער וועלכער בעזיצט נאך אלענפאלס א פונק פון א יודישער נשמה, זאל מיט זיין איינענער אונטערשריפט בעקרעפטיגען די ערקלערונג, דאס מיר יודען בעשווערען די פעלקער פון די וועלט און הויפטזעכליך דעם פעלקער-בונד-ראט און גענץ, זיך אבצוזאגען פון „בלאנקא"-פראיעקט און אונטערצושטיצען אובער איהם צום טאג-ארדנונג.

און נאר דאס פערזענליכע ארויסטרעטען פון אלע יודען, קען העפענטליך האבען דעם געהעריגען איינפלוס אויף די קאלענדאר-ענטשיידונג און מיט פרייד קענען מיר שוין קאנסטאטירען דאס די אונטערשריפטען - בעוועגונג האט זיך שוין אנגעהויבען און די גאנצע וועלט וואו יודען וואוינען און פון מזרח ביז מערב הערט זיך אלס מעכטיגער דער הילפיגער רוף פון אלוועלטליכען יודישען קאמיטעט וועלכער לויטעט, דאס אלע מענער און פרויען פון 20 יאהר און העכער, זאלען א י י נ ע נ ה ע נ ד י ג זיך אונטערשרייבען אויף די מאסען-פעטיציע צום פעלקער-בונד און קיין שום יוד מעג דא פאסיוו נישט בלייבען.

אין דער אמאליגער פוילישער רעזידענץ.

פון מיין איינטאגיגען בעזוך אין קראקא.

(סוף).

דאן בעזוכען מיר

דעם רמא'ס שוהל,

וועלכע איז פארזעהען מיט א אייזערנע טהיר. איידער מען עפענט די טהיר קלאפט דער שמש'מע מיט'ן שליסעל דריי מאל און דאן ערשט שליסט זי אויף.

די שוהל חארפט אן א פחד. די ווענט זענען שווארץ, די בענק נידריג, עס הענגען לייכטער מיט מעשענע רעהרלעך, אויך איז פארהאן א גרויסער פאלאש, עס שמעקט מיט אלטקייט. אויף דער מזרח וואנד הענגט א אויפשריפט אז דא איז געזעסען דער רמ"א און קיינער טאר זיך אויף דעם ארט נישט זעצען אפילו דער מרא דאתרא.

מיט אונגעהויערע איינדרוקען האב איך פערלאזט דאס בית עולם מיט'ן דעם רמא'ס שוהל.

געגען איבער דער שוהל, אריבערצוגעהן די גאס שטעהט א מויער, וואס איז לויט די לעגענדע דאס איינגעזונקענע חתונה הויז.

מען דערצעהלט אז עס איז געווען אין פרייטאג א חתונה, האט מען געטאנצט און זיך געהילט, עס איז געווארען שפעט און מען האט אלץ געטאנצט, האט דער רמא געהייסען אז מען זאל אויפהערען טאנצען, ווייל מען צינדט שוין ליכט, דער עולם האט ווייטער געטאנצט, האט דער רמ"א זיי פערשאלטען אז זיי זאלען איינגעזונקען ווערען, ובאותו הרגע איז דאס גאנצע הויז מיט חתן כלה איינגעזונקען געווארען, און ביז'ן היינטיגען טאג שטעהט עס דארט לזכרון.

אין דער אלטער שוהל.

אסך האב איך געהערט רעדען וועגען די גאר אלטע שוהל, וועלכע שטעהט שוין, ווי מען דערצעהלט, איבער 800 יאהר.

אויך דארט האט אונז געפוהרט א אלטע פרוי וועלכע האט אונז געעפענט דאס טויער מיט גרויסע שליסלען, אונז אראבגעפיהרט אויף נידריגע טרעפלעך, אנגעקלאפט דריי מאל און דער אייזערנער טהיר און אויסגעשלאסען, דערביי פערגעסט נישט די אלטע באבע צו דערצעהלען, אז דאס שלאס איז דאס ערשטע שלאס וואס איז איבערהויפט געווען אויף דער וועלט.

די שוהל איז אלט, די ווענד שווארץ, א שטויב א דיקער ליגט אויף אוהר, נאר רייניגען טאר מען נישט.

מיר האבען דארט געזעהען פערשידענע מערקווירדיגקייטען, עס למשל האבען מיר געזעהען אזא שטריימעל „קאניפיק" וואס יעדער חזן אדער בעל תפילה מוז עס אנטהון בעת ער שטעלט זיך פאר'ן עמוד, דאן א אלטער לייכטער מיט 4 רעהרען און דער לייכטער איז געמאכט פון א שווערד, וואו אין אנהויב איז אויסגעקריצט דאס בילד פון קעניג קאזימירוש. דאן הענגט נאך א אלטער הענגלייכטער וואו אויף די רעהרלעך איז אויסגעארבייט פערשידענע קעפ פון די פוילישע מלכים. ווען איך פרעג די יודענע פון וואו זיי מעגען און א שוהל האבען בילדער ווען די תורה זאגט לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה, ענטפערט זי אז דאס מעג מען ווייל עס איז גזירת המלכות.

דאן האבען מיר געזעהען אלטע סנפונקען אין פרפות'ן, לייכטער, בעכער א. א. וו. אויך האט מען געוויזען אויף דער וואנד אויסגעקריצט א מעדאל וואס די יודישע קהלה האט געשאנקען לכבוד דער חתונה פון עסטרייכישען קרוין-פרינץ.

אין דער שוהל האט מען אויך געפונען אלטע סידורים געשריבען מיט דער האנד און דער נוסח התפילה איז אנדערש ווי דער היינטיגער.

די שוהל, דערצעהלט די אלטע איז אמאל געווען א ביבליאטעק וואס זי דער קעניג געשענקט די יודען, אלס צייכען ווייזט זי דעם בריעף קאסטען, וואס הענגט אויף די טהיר און האט געדינט אלס בריעף קאסטען פאר דער ביבליאטעק.

אויך דארט און דער שוהל האב איך זיך אנגעהערט פערשידענע מעשות און לעגענדעס וואס איך קאן צוליעב מאנגעל און פלאץ נישט פערעפענטליכען.

איבערגעענדיגט א פאר שעה, בין איך זיך אוועק אפרוהען, כדי נאכמיטאג צו בעזוכען אנדערע וויכטיגע אינסטיטוציעס פון דער שטאדט, שלמה יודישער קהלה, קראקא.

דאס יודישע לעבען אין קראקא.

ביי אונז נעהמט ארום א חערבל, צו יעדער צווייטער אין גאליציע איז א דאקטער, ווען איך האב בעטראכט די גאליציאנער יודען איבערהויפט די קראקאווער האב איך עפיס נישט בעמערקט, אז זיי זאלען זיין דאקטוירים, דערפאר האב איך גענומען דעם איינדרוק אז כמעט אלע קראקאווער יודען זענען רבנים, זיי געהען אנגעטהון אין דעם טראכט פון רבנים און גוטע יודען.

די גאליציאנער זענען שטאלץ מיט זייער הלבשה און זיי קוקען מיט ביטול און פעראכטונג אויף די פוילישע יודען מיט די רונדיגע יודישע היטעלעך און אהן פאות.

מיר איז אויסגעקומען צו ערלעדיגען פערשידענע ענינים מיט חסידישע יודען (צי זיי זענען חסידים האב איך נישט נאר פאות האבען זיי געטראגען) איז דאס ערשטע וואס זיי האבען אנגעהויבען צו רעדען איז געווען דייטש, ווען איך האב איהם געזאגט אז איך פערשטעה קיין דייטש, אז מיר איז בעקוועמער צו רעדען יודיש, האט ער מיר צוליעב געטהון און גערעדט יודיש, נאר ווען ער האט מיר געוואלט אויסטייטשען וואס ער טרייגערעדט א פראזע אין פויליש.

די גאליציאנער יודען שעמען זיך נישט מיט זייער הילוך פאר די קריסטען, פערקעהרט, עס פיהלט זיך אז דער גאליציאנער יוד שטרעבט דערמיט אונטער צו זיין יודישקייט און די קריסטען זענען דערצו צוגעוואוינט, עס למשל זיצען יודען אין פארק (אין די אזוי גערופענע פלאנטען) אנגעטהון אין די קאפלעך, טאנכע האלטען גמרות און אין דער זייט אויף דער זעלבער באנק זיצען קריסטען און קוקען עס גלייכגילטיג צו.

דאס לעבען פון די גאליציאנער יודען איבערהויפט און יודישען קאזימיר איז זעהר הינטערשטעליג און דער תינוקות פון אינגינע, די הויפען זענען זעהר שמוציג און אויך די גאסען ווערען זעלטען גערייניגט.

מיט איין ווארט, מעגליך אז עס זענען פערהאנען אין קראקא אסך יודישע דאקטוירים, אדוואקאטען, אינזשעניערען און אנדערע געלעהרטע, וואוינען זיי מסתמא אין די אנדערע גאסען, אין די יודישע גאסען פיהלט זיך א שרעקליכער עלענד און אבגעלאזענקייט.

די קריסטען, וועלכע האבען פיינט דעם אייראפעאישען יודען און ווילען זעהען דעם יודען אזוי ווי ער האט געלעבט אמאל אין דער געטא, קאנען מיט די קראקאווער יודען זיין זעהר צופרידען.

און די יודישע רעסטאראנען קומען די קריסטליכע טרעף-לייט עסען פיש, בעזונדערס פרייטאג צו נאכטס קומען פיעל קריסטען, וועגער גלחים און העכערע מיליטער לייט און די יודישע רעסטאראנען, און ביי איין טיש זיצען יודען און זינגען זמירות און ביים צווייטען טיש זיצען גלחים מיט נעגעדעלען און קוויקען זיך מיט יודישע פיש. איך האב ביים מיטאג אויך געטראפען עטליכע קריסטען מיט א גלח זיך אונטערלעבען דאס הארץ מיט יודישע פיש.

עס איז איצט אין קראקא א גרויסע מחלוקת וועגען א רב, די מחלוקה איז ענהליך צו די מעשה קעסטענבערג אין ראדאם.

אין פערגאנגען איז פאר דער מלחמה געוועזען א רב דער סקאווינער רב וועלכער איז נפטר געווארען.

אין יאהר 1920 האט דעם סקאווינער רב'ס א ברודער אויסגעבעטען ביי דער קהלה א בעשטעטיגונג, אז זי זאל איהם אנערקענען אלס ממלא מקום, די בעשטעטיגונג האט ער ארויסגענומען אויפ'ן סמך אז ער זאל בעפרייט ווערען פון מיליטער דינסט.

די רעזולטאט בעשטעטיגונג האט ער אבער אויסגענוצט אויף א נישט ערהליכען אופן, נעמליך ער האט אנגעקלאגט די קהלה, אז זי זאל איהם אויסצאהלען די פענסיע פאר אלע יאהרען.

די קראקאווער קהלה האט איצט צו

וואס געהערט, וואס געזעהען

עסזאמענס.

די טעג קומען פאר די עקזאמענס אין די שולען, סיי אין די גימנאזיומס, וואו די שילער דארפען אריבערגעהן אין די העכערע קלאסען און אויך די אנגעשטאנטע פראגען פון מאטורעס. און אויך אין די פרואטע נידעריגערע שולען און גלייכצייטיג אין די פאמשעכנע שולען.

ביי די שול-קינדער איז דאס א יום-הדין, אסך נעכט שלאפען זיי נישט אבשטעטענדיג מיט קינדערשע הארץ קלאפעניש זייער גורל, עס לעבען מיר אין דער פרעסע אז טראגעדיעס האט זיך אבגעשפילט ביי געוויסע קינדער, ווען זיי האבען די עקזאמענס נישט אויסגעהאלטען.

די רעזיגע פראגע איז זעהר א אנגעשטאנטע און ווען מען זאל זי בעהאנדלען אין איהר גאנצען פערנעם וועט עס פערנעמען צופיעל צייט און פלאץ, איך וויל נאר דא בעצייכענען א פרעהליכע ידיעה, אז דאס היגע יודישע גימנאזיום האט הייאהר אבגעהאלטען א גרויסען זיעג אויפ'ן געביעט פון די אבגעגעבענע עקזאמענס.

הײ יאהר האבען זיך געשטעלט צו די עקזאמענס אין יודישען געזעלשאפטליכען גימנאזיום א גרויסע צאהל שילער, אזא צאהל וואס איז נאך ביז איצט נישט געווען און שטעלט אייך פאר אז די רעזולטאטען זענען גלענצענדע.

בעת איך שרייב די שורות האב איך נאך נישט דעם גענויען רעזולטאט, אבער ווי עס הערט זיך ארום וועט דאס זיין א טריומף פאר די יודישע גימנאזיעס.

עס האט נישט געפעהלט די אלע שיקאנעס און להכעיס שפילען פון די שונאים, דאס יודישע גימנאזיום, די יודישע שילער שלאגען זיך אדורך א וועג פון לעבען.

איך וויל נישט בעריהרען די פיינליכע פראגע, דאס די געענדיגטע שילער וועלען איצט טהון, עס אינטערעסירט מיך נישט איצט, א פאקט איז אבער, אז די עקזאמענס, איבערהויפט אין יודישען גימנאזיום האבען זיך הײ-יאהר גלענצענד אבגעגעבען.

עס זענען צוגעקומען נאך עטליכע טויזענד יודישע געבילדעטע יונגע לייט, וועלען זיי גערייכערען מיט זייער וויסען און בילדונג די ארימע יודישע גאס.

קינדער קאלאניעס.

יעדעס יאהר אין דער צייט, האב איך שוין געהאט צו פערצייכענען ווי אזוי די קינדער פערברענגען אויף די וואלדע און גאנצע קאלאניעס וואס עס ארדענט איין דער „טאז" אדער „דעבראטשינעשטש" און היינט איז נאך שטיל.

איך האב זיך געוואנדען צום סעקרעטאר פון „טאז" וועגען דער פראגע און אט וואס ער האט מיר געענטפערט:

ווי בעהאופט, האלט אויס דער מאגיסטראט אנ'ערך 60-70 פראצענט פון די קאסטען פון די קאלאניעס, הוות אבער ווי דער מאגיסטראט איז לא עליגו א קבצן, האבען זיי במילא נישט קיין געלד, און אונזער דעם זענען די קאלאניעס נאך נישט פערטיג, נישט קוקענדיג אבער דערויף, ערקלערט מיר ווייטער דער סעקרעטאר, וועט דער „טאז" אנהויבען צו פיהרען די האלבע קינדער קאלאניע פון ערשטען יולי אן אין דער געווענליכער פערטע איין סעזאן, און ווען דער מאגיסטראט וועט געבען געלד וועט אויך געפיהרט ווערען דער צווייטער סעזאן.

עס וועט געהען א גרויסע עולה ווען עס זאל נאר זיין איין סעזאן, ווארום די ארימקייט אין דער יודישער גאס איז שרעקליך גרויס, די יודישע קינדער זענען קראנק, בלאס ארום און דעם חודש וואס זיי פערברענגען אויף דער פרייער לופט לעבען זיי א גאנץ יאהר, און ווען מען זאל זיי נישט געבען די מעגליכקייט וועט עס געווען א שרעקליך פערברעכען.

וועלען די פיהרער פון „טאז" און איבערהויפט די יודישע כלל טוער זיך בעמיהען אנשטרענגען אלע כחות צו די צווייטע האלבע קאלאניע זאל זיין פערקומען, ווארום געדענקט דעם פסוק וועלכער טענעט, ה ז ה ר ו ב ב נ י ע נ י י ם, געדענקט אין ארימע קינדערלעך וועלכע לעבען א גאנץ יאהר אין די פערהושכ'טע קעלערשטובען, וואו זיי האבען נישט קיין שטיקל ברויט צו דער זעט.

אלע כחות דארפען געווארפען ווערען אין דער ארבייט צו דאס איינציגע וואס מיר זענען מחויב צו טהון פאר אונזערע קינדער זאל נישט פערנאכלעסיגט ווערען, דאס איז די קינדער קאלאניעס.

עס לאזט זיך נישט גלויבען.

וועלען זיי מיר מוחל זיין די פיהרער פון דער היגער ארטאדאקסישער באנק פאר מיין פראגע, אבער איך מוז זי פרעגען.

איהר פראקלאמירט זיך אלס די איינציגע אמת'ע יודען, און אלס אמת'ע יודען מוזען דאך אנערקענט די וועלכע זענען אוהבי ישראלים, וואס האבען ליעב יודען מיט'ן גאנצען הארץ, און אויב אזוי אט פערוואס דאס איהר אויס צו געבען יודען ארבייט כדי להחיות את נפשם.

אמת, אלע אנגעשטעלטע אין אייער באנק זענען פאקי יודען, וואס טייך יודען, נישט קיין פרומע יודען נאר מאקי פרומע יודען, ארטאדאקסישע יודען, און אפילו ווען איהר דארפט צונעמען א יונגעל צו געהן אין שליחות וועט איהר אויך א ארטאדאקסיש יונגעל, וועגען א מיזגל און הם בלתי-כיר, עס פארמאט הענגט ביי אייך שולדלעך — וואס זענען דווקא געמאכט געווארען פון נישט קיין יוד, נאר דוקא א אנטיסעמיט? פון וועגען אויך מען פרענט איהר, עס לאנט אויף די שולדלעך וועט איהר זעהן די אונטערשריפט פון דעם מעלער הכל—שם

בילדער פון יודישען לעבען אין פּאַריז.

II

אפילו אין דעם רוישיגען און קאָכּונען פּאַריז שפּירט מען זיך אָן אויף פיעל אָבגעשטאַנענע קלײנשטעדטעלדיגע טיפּען, וואָס ניט די צייט און ניט דאָס אָרט איז בכח זיי צו אַנבערענדערען. זיי וועגען געהען אזאלכע און זעלבע אַפּליגע חיטען און אַבגעגנ חעלען זיי זיך און דעם תּאַלמען.

אין אַנער פון די פּאַרוזער שטולע און אָבגעשטאַנענע גאַסלעך, וועלכע וועגען שטענדיג יום-טוב'דיג אויסגעפּוצט, ווי דער שפּעטלס גלאַנצט קעקעפּיש און הנדעלט זיך אין די ווינען פון די אַבגעלעגע דורכגעהער, געפונט זיך אַגאַטאַנצונג קרעמיל פון מהירען און פענסטער דויט-בעפּאַרבטע, ס'איז קאָנטוג ווי דאָרט האַוינט אַ שופטער, דען אין דרויסען הענגט אַ לאַנג ברעט מיט משהעקעס בעשלאָגען און אויף יעדען פון די משהעקעס הענגען געלאַטעטע שוך, מיט דיקע אויפגעגעבּטע זוולען אָדער שטעק-שוך מיט תּילוערנע זוילען, די שפּוצען פערריסען צו דער הויך.

בשעלד ווי מען מרקט אונטער די שטעל שלאָגט אָן אין דער נאָז אַ געמישטער ריח פון נאָז-אַפּעלע און געשמאַלצענער הטקס. אויף אַ נידרוג שוסטער-בענקעלע פאָרקעט זיך אַ קלען נפש'ל, האַלב נעקעמט הענגר פון שמאָרצען תּפקס אויסגעמאַליעטע לויטען אומגערוללרונג מיט אַ כּלי אונטער די נאָך רוהיגע זוילען און מיט יעדען טיהר מיט דער הענד הערט דאָס חמיטען שמאָרץ און דאָס שמאָרצע גלאָנצונג. פון בעדע זײַטען לונגען און אונטערגונג תּויפע שטויסען שוך. עס הערט אַ זין שטויס הענכער, נעמט תּאַקסען, דער צוויטער שטויס הערט גנרריגער און פערקעהרט.

אין דער אַלטער תּים הערט מען אַנחם נערופען אַהר'עלע לאַפּוטניק, דאַנגנען דע רופט מען אַנחם מוסיע אַרן קאַרדאַניער. פון בלויז שוסטערײַ, קלאָגט ער זיך, האָט אַך געדאַרפט די צײַטען אויפהענגען אויף'ן בוידעם אויסצוטרוקענען. מײַן ווײַב און קינדער תּעלמען רײַד מאָל אין טאָג געשמאָלען געהאַרען פון הונגער, אווב מוסיע אַרי מאַכט אַ לעבען און דוקא אַ שעהן לעבען, איז דאָס דערפאַר תּאָס אַ חוץ שוסטערײַ פערנעמט ער זיך מיט סוחר יײַן זחנים און דאָס איז דער הויפּט-צוועג פון זײַן פּרנסה.

הען מען דאַרף הערט דן אײַנציגע גרויסע שטוב אין אַ ראָכענדיגען אַנגער פערהאַנדעלט און אַ חתונה-לאָקאַל, אַ טאָג פריהער לויפט די מעדאָם אַרונטער אַרום אָנ'אויסגעשטירטע, די גאָז פלעמעלעך ברענען פּרצליך, מען קאָכט און מען פרעגעלט, אַן אַמענד הערט אַרן שוסטער מנולגל אין אַ סאַרווער מיט אַ ריינע וועסט, שאַרץ, און פּאַרוזער שאַרף פּעפערדינגע הוזלעך שיטען זיך ווי באַב פון זײַן ברײַט צעקענעמטען פּוסקעל. פון דאָס דער לוסטיגער עולם האַלט און אין לאַכען, בעת און אַ הונקעל שטעהען דרײַ פראַנצויזישע כּלי זמרים מיט שעהן געקעמטע מאָנסלעך און שפּילען אונגעגעהסנות'דיג אויף רוסישע דושאַז פּיקלעך.

מאַכט זיך אַ מעשה, ווי אַ מיידעל דאַרף אונבעדינג שטעלען אַ חופּה, און דן פּאַרזער הונקעל רבנים בינטען זיך נישט קשה'דיגע פּרײַזען, וואָס חתן כּלה קען זיך בשום אופן נישט ערלויבען, קומט מען צו מוסיע אַרן, קלערט ער נישט לאַנג, מאַכט צוזאַמען אַ מנין יודען, נימט חופּה-קידושין רײַבט אָן דעם „הרי את", מען צוגרייכט אַ מעלער און שוין מזל טוב.

אין אַ פרייען נאָכמיטאָג, ווען עס האָט געקאַכט אַ דראָבנע רענענדעל, און אַ קאַלטער נאַסער היגנד האָט געשמיסען אין פּנים, האָב איך געטראָפען מוסיע אַרן'ן אַ רעדעדונגען, וואָס דאָס איז בכלל גאָר נישט פון זײַן געוואוינהייט, עס, משכּט ער אַוועק מיט די האַנד אויך מיר הײַנט אַ פּרנסה שרכנות. עס זוצען זיי דאָ גאַנצע טעג און הוטען מיך אָן, נעם איך אַזאַ לאַשעקל און בעקען איהם מיט אַ מיידעל, נעהם ער זיך מיט איהר אין פּעטעמער פּרײַן, חתן כּלה לעבען אַ טאָג, און מיך לאָזט מען אויף דער פּלײַט באַנק, תּיכּף, זאָג איך, נײַן גרויצעל, פריהער בעצאָהל און דערנאָך אויב דער מעט זײַן ניתא איז מיר אויך ליעב, אַזוי רעדט זיך מוסיע אַרי אָרעב פון הארץ, ווען ער איז בײַם גוטען הומאָר.

עס וועלכע אין עהנליכע הײַמישע טיפּען, וואָס וועגען שוין אפשר בײַ אונז אין פּוילען אַ וועלטענהײַט, קענט אוהר נאָך הײַנט טרעפען און דער דווישוגער העלט-שטאָדט, פּאַריז.

יעקב איזראַעלעוויטש.

